**גוט שבת אלע אידן.** שלמה זלמן מארקאוויץ איז געווען א סאלדאט אין דעם ארמיי פונעם לאנד טשעקעסלאוואקיי אין די ערשטע יארן פון דער צווייטער וועלט מלחמה. דער מצב אין די מיליטער איז שווער געווען, סיי בענייני גשמיות, וכל שכן בענייני רוחניות. פשטות איז עס א גרויסע סכנה צו זיין א סאלדאט אין א מלחמה, בפרט פאר א אידישע סאלדאט אין די יארן. נישט נאר דאס, אבער ער מיט די אנדערע סאלדאטן האבן געדארפט אסאך ארומגיין אין דעם היץ און קעלט. אלעס האט די ארמיי פארלאנגט פון אים און פון אלע אנדערע סאלדאטן, אבער זיי האבן נישט געגעבן געהעריגע עסן. די גויאישע סאלדאטן האבן ממילא געקענט זיך געבן אן עצה מיט עסן. אבער פאר שלמה זלמן, וואס איז געבליבן ערליך דורך אלע שוועריגקייטן, איז אים שווער געווען צו טרעפן כשרע עסן. ווייל ער האט נאר געגעסן עסן וואס איז געווען בתכלית הכשרות, אפילו ווען ער איז געווען מורא'דיגע הונגעריג.

איין טאג, איז ער מיט די אנדערע סאלדאטן אין זיין גרופע געגאנגען אויפן וועג דורך דעם דארף אוהעל, אין אונגארן. אוהעל איז געווען דעם שטאט פון דעם באקאנטען צדיק דער הייליגער ישמח משה, ר' משה טייטלבוים זצ"ל, וואס איז נסתלק געווארן כ"ח תמוז, תר"א. שלמה זלמן געדענקט ווי ער האט באזוכט אוהעל אלס קינד, ווען זיין טאטע האט אים געברענגט צו דעם צדיק'ס קבר. ער איז געווען אזוי יונג דעמאלט אז ער האט נישט געקענט מעריך זיין דעם חשיבות פון דעם הייליגען מקום.

יעצט האט ר' שלמה זלמן זיך געבענקט אויף די תמימותדיגע טעג פון זיין יוגענט. ער האט געקוקט ווי די לאנגע שורה פון סאלדאטן האבן געמארשט אויפן וועג לעבן דעם ישמח משה'ס קבר. פארשטייט זיך אז די גויאישע סאלדאטן האבן גארנישט געטראכט וועגן דעם צדיק. באלד וועט שלמה זלמן אליינס דורכגיין לעבן דעם קבר. שלמה זלמן האט שטארק געוואלט זיך אפשטעלן און זאגן אפאר קאפיטלעך תהלים און בעטן אז אין דער זכות פונעם צדיק, זאל ער געראטעוועט ווערן פון די שרעקליכע מלחמה.

פלוצלינג, ווען ער איז געווען טיף אריין אין זיין מחשבות, האט ער געשפירט אז איינער קלאפט לייכט אויף זיין אקסעל. אן אנדערער סאלדאט האט געוויזן מיט זיין האנד אויף שלמה זלמנ'ס פוס. שלמה זלמן האט אראפגעקוקט אויף זיין פוס. צו זיין ערשטוינונג, האט ער געזען אז די אינטערשטער חלק פון זיין הויזן זענען צוריסן געווארן, און איין פוס איז געווען צוגעדעקט מיט בלוט! אבער ער האט גארנישט געשפירט!

שלמה זלמן האט ארויפגעקוקט מיט אן איבערראשקייט צו זען א ווילדע הונט לויפן אוועק פון דער שורה פון סאלדאטן. ער האט זיך פארגעשטעלט אז דער הונט האט אים געביסן. ער איז געווען אזוי פארנומען מיט דעם ישמח משה זי"ע, אז ער האט אפילו נישט באמערקט גארנישט.

ער האט געוואלט ארויסשפילן דעם געלעגנהייט זיך אפצורוהן אביסל, ווייל די סאלדאטן זענען שוין געגאנגען אויף א לאנגע וועג יענע טאג. ער איז געגאנגען אויפן זייט פונעם וועג און ער האט זיך אראפגעזעצט אויף א שטאם פון א בוים. האלטענדיג זיין פוס, האט ער אנגעהויבן צו וויינען פון ווייטאג און ער האט ארויסגערופן אז איינער זאל אים העלפן.

אפאר סעקונדעס שפעטער האט זיין אפיסער אים באמערקט און ער איז גלייך אריבערגעקומען צו אים. "סאלדאט, גיי צוריק צו דיין גרופע!" האט דער אפיסער אנגעשריגן דעם אידישען סאלדאט.

"איך קען נישט," האט ער געזאגט צו זיין אפיסער, "א הונט האט מיך יעצט געביסן!" דער אפיסער האט געקוקט אויף שלמה זלמנ'ס פוס און דאן האט ער גערופן עטליכע סאלדאטן זאגענדיק צו זיי, "נעמט דעם מענטש גלייך צום שפיטאל!"

שלמה זלמן האט געניסן פון א פאר טעג אפרוען אין שפיטאל. אין דעם דריטן טאג איז דער אפיסער אריינגעקומען צום שפיטאל בשעת דער דאקטאר האט איבערגעקוקט שלמה זלמן. "דאקטאר, וואס זאגט איר וועגן דעם סאלדאט, מיינט איר אז ער וועט געהיילט ווערן?" "א ווילדע הונט האט אים געביסן, אבער מיר מיינען אז ער גייט זיין בסדר." האט דער דאקטאר געענפערט צום אפיסער.

שלמה זלמן האט זיך געציטערט, ווייל ער האט געווארט צו הערן אז זיין אפיסער רופט אים צוריק צו דער מלחמה. אבער, דאס איז נישט געווען די מציאות, ווייל שלמה זלמן איז איבערראשט געווארן צו הערן וואס זיין אפיסער האט טאקע געזאגט, "מיר ווילן נישט קיין סאלדאט וואס א ווילדע הונט האט געביסן! פטר'עט אים פונעם מיליטער!" האט דער אפיסער געהייסן דעם דאקטאר.

שלמה זלמן איז געווארן מלא שמחה. ער איז סוף כל סוף פטור געווארן פון דעם שלעכטען ארמיי. דער דאקטאר האט געחתמט אויף די פאפירען, און באלד דערנאך איז ער ארויסגעגאנגען פונעם שפיטאל, א "פרייער" מענטש. ער האט זיך באהאלטן דורך די איבריגע יארן פון דער מלחמה, און ב"ה ער האט איבערגעלעבט די שווערע טעג. נאך די מלחמה, איז ער געקומען וואוינען אין אמעריקע, וואו ער האט זוכה געווען אויפצובויען א שיינע אידישען שטוב, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן.

שלמה זלמן איז נישט צוריקגעגאנגען צו דעם ישמח משה'ס קבר ביז בערך צען יאר צוריק, ווען זיין זון דוד האט אים צוגערעדט אז ער זאל גיין באזוכן נאכאמאל דעם קבר אין אוהעל. ווען ער איז צוריקגעפארן קיין אוהעל, האט ער אפילו געטראפן דעם זעלבן שטאם פונעם בוים וואו ער האט זיך אראפגעזעצט, נאך דער הונט האט אים דעמאלט געביסן. א זאך וואס ער האט געזען אלס אומגליק איז ארויסגעקומען א מזלדיגע געשעניש פאר אים. אלעס אין די זכות פונעם צדיק דער ישמח משה זי"ע. ווען ער איז צוריקגעגאנגען צום קבר, נאך די אלע יארן, דעמאלט האט ער געקענט באדאנקען דעם צדיק פאר די ישועה וואס ער האט געשיקט פון הימעל.

חז"ל זאגן "צדיקים במיתתן קרויין חיים וגו'" (ירושלמי ברכות טו:) דאס מיינט צו זאגן אז אפילו נאך די הסתלקות פון א צדיק איז עס כאילו אז ער לעבט נאך. פון דעם מעשה זען מיר דעם כח פון א צדיק נאך זיין הסתלקות. מיר ליינען וועגן דעם ענין אין דעם וואכעדיגען סדרה. די תורה דערציילט ווי רחל אמנו איז נפטר געווארן און זי איז באגראבן געווארן אויפן וועג. דער רמב"ן הקדוש זאגט אז רחל'ס באגראבן ווערן אויפן וועג וועט זיין א טובה פאר אידן אין קומענדיגע דורות. דער רמב"ן ברענגט דער פסוק "רחל מבכה על בניה" (ירמיה לא,יד) רחל וויינט אויף אירע קינדער. די צדיקת רחל העלפט אידישע קינדער צו דעם היינטיגען טאג. ד"ה, צדיקים במיתתן קרויין חיים! דאס צוגלייך צום מעשה פונעם ישמח משה איז מורא'דיג. דורך התקשרות צו צדיקים, אפילו נאך זייער הסתלקות, קען מען אריינכאפן אין דעם געוואלדיגן כח וואס א צדיק האט אלס מליץ יושר פאר אונז אלע. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר אברהם משה גרויס הי"ו לרגל שמחת נישואי בנו דוד צבי שלמה נ"י בשעטומ"צ

מזל טוב למוה"ר אליעזר צוקערברוין הי"ו לרגל שמחת לידת בתו

נתרם לרפו"ש של חיים מאיר בן מלכה העניא, משה בן סלאווא, שאשא מלכה בת גאלדא, ציפורה בת רחל, מינדל בת רבקה, מרדכי מענדל בן ציפורה–יוטא, צבי בן חנה בתשח"י לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לע"נ עמרם בן שמעון ע"ה • לע"נ בלומא יוכבד בת אברהם צבי ע"ה

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו** (שבת קיח:)

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)